# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................**7:30**
מוצאי שב"ק......................**9:01**

**שיעורים כסדרן**
נ"ך......................איוב י"ד-ט"ו
בבלי........................זבחים ט"ו
ירושלמי................סנהדרין ל'
תוספתא...........יבמות פרק ה'
רמב"ם................אישות י"א


פרשת אחרי קדושים, י"ג אייר, שנת תשע"ח לפ"ק, אבות פרק ג' — שנה 7, גליון 31 (342)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וְאַל יָבֹא בְכָל עֵת אֶל הַקֹּדֶשׁ מִבֵּית לַפָּרֹכֶת אֶל פְּנֵי הַכַּפֹּרֶת אֲשֶׁר עַל הָאָרֹן וְלֹא יָמוּת כִּי בֶּעָנָן אֵרָאֶה עַל הַכַּפֹּרֶת.** מוֹהַרְאַ"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קט"ו) אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעוֶוען וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אֵיין טָאג מַאכְט עֶר אָפּ אַז עֶר וִויל תְּשׁוּבָה טוּן אוּן צוּרִיק זַיין וואויל אוּן עֶרְלִיךְ, דַאן קוּמְט דִי מִדַּת הַדִּין אוּן זָאגְט אַז מֶען קֶען דָאס נִישְׁט צוּלָאזְן, מֶען מוּז שְׁטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען קֶען אִים נִישְׁט לָאזְן אוֹיף אֵיינְמָאל וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. אָבֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ אַ בַּעַל הָרַחֲמִים, עֶר הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיפְן מֶענְטְשׁ, דֶערְפַאר בַּאהַאלְט זִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִין דִי מְנִיעוֹת, אֲפִילוּ עֶס וֶוערְט טַאקֶע אוּנְטֶערְגֶעשְׁטֶעלְט שְׁטֶערוּנְגֶען פַּארְ'ן מֶענְטְשׁ, עֶר זָאל נִישְׁט קֶענֶען אַזוֹי גְרִינְג תְּשׁוּבָה טוּן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאהַאלְט זִיךְ אָבֶער דָארְט, אוּן אוֹיב דֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט עֶס אֱמֶת'דִיג, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אוּן עֶר וֶועט מַצְלִיחַ זַיין.

דָאס אִיז וָואס דֶער פָּסוּק זָאגְט בַּיי מַתַּן תּוֹרָה **וַיַּעֲמֹד הָעָם מֵרָחֹק** - דִי פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן וֶוען זֵיי זֶעעֶן דִי מְנִיעוֹת, זֵיי זֶעעֶן אַז עֶס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי גְרִינְג צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, בְּלַייבְּן זֵיי שְׁטֵיין פוּן דֶער וַוייטְנְס. אָבֶער, **וּמֹשֶׁה נִגַּשׁ אֶל הָעֲרָפֶל** - מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, דֶער צַדִּיק לֶערְנְט אוּנְס, אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶס זֶעט אוֹיס פַארְנֶעפְּלְט, דַארְף מֶען זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן נָאר גֵיין וַוייטֶער מִיט אַ שְׁטַארְקַייט. וַוייל, **אֲשֶׁר שָׁם הָאֱלֹקִים**, דָארְט אִין דִי גֶעדִיכְטֶע נֶעפְּל אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

דָאס אִיז דִי פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וְאַל יָבֹא בְכָל עֵת אֶל הַקֹּדֶשׁ**, מֶען קֶען נִישְׁט אֵייבִּיג אַזוֹי גְרִינְג צוּקוּמֶען צוּ דִי קְדוּשָׁה, עֶס אִיז שְׁוֶוער, עֶס אִיז דָא אוֹיפְ'ן וֶועג אַסַאךְ שְׁטֶערוּנְגֶען, אָבֶער מֶען דַארְף וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקְן אַז מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן וַוייל אַזוֹי קוּמְט עֶס, **כִּי בֶּעָנָן אֵרָאֶה עַל הַכַּפֹּרֶת**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען מֶען טְרֶעפְן אִין דִי וָואלְקְן, אִין דִי נֶעפְּל. עֶס זֶעט טַאקֶע אוֹיס שְׁוֶוער פוּן אָנְהוֹיבּ, אָבֶער אַז מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ אוּן מֶען גֵייט וַוייטֶער אָן, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אוּן מֶען וֶועט סוֹף כָּל סוֹף זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

(זֹאת הַתּוֹרָה אַחֲרֵי ב)

***

**וְכִי יָגוּר אִתְּךָ גֵּר בְּאַרְצְכֶם לֹא תוֹנוּ אֹתוֹ**, מוֹהַרְאַ"שׁ זָאגְט אַז דֶער פָּסוּק קוּמְט אוּנְז מְרַמֵּז זַיין דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סי' נ"א): "דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר, אַז דִי וֶועלְט זָאל אַייךְ נִישְׁט נַארְן, וַוייל דִי וֶועלְט נַארְט זֵייעֶר", אַ מֶענְטְשׁ נַארְט זִיךְ אַז עֶר וֶועט דָא בְּלַייבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיף אֵייבִּיג, אוּן עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז דִי יָארְן לוֹיפְן, אוּן אָט דַארְף מֶען שׁוֹין צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ אַרַיינְכַאפְּן אוֹיף דִי וֶועלְט וִוי מֶער מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וְכִי יָגוּר אִתְּךָ גֵּר בְּאַרְצְכֶם לֹא תוֹנוּ אֹתוֹ**, דִי נְשָׁמָה אִיז וִוי אַ גֵר דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן דֶער פָּסוּק וָוארְנְט אוּנְז מִיר זָאלְן נִישְׁט אָפְּנַארְן דִי נְשָׁמָה.

רַשִׁ"י זָאגְט אוֹיף דֶעם פָּסוּק, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט זָאגְן פַארְן גֵר, "נֶעכְטְן הָאסְטוּ גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה, אוּן הַיינְט קוּמְסְטוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?"

דָאס אִיז אוּנְז מְרַמֵּז אַז מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צוּבְּרֶעכְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע וָואס זָאגְט: "וִוי אַזוֹי קֶענְסְטוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, וֶוען נֶעכְטְן הָאסְטוּ גֶעטוּן גְרוֹיסֶע עֲבֵירוֹת?" וַוייל דֶער אֱמֶת אִיז אַז אַ אִיד קֶען שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן בִּיז יֶעצְט.

(זֹאת הַתּוֹרָה קְדוֹשִׁים ז)

## מוֹהַרְאַ"שׁ דֶערְצֵיילְט

### סַבְלָנוּת בְּרֶענְגְט יְשׁוּעוֹת

וֶוען אַ אִיד וִויל תְּשׁוּבָה טוּן, דַארְף עֶר וִויסְן אַז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז עֶר זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין אוֹיפְגֶערֶעגְט, קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין נֶערְוֶועז, קֵיינְמָאל זִיךְ נִישְׁט אַרוּמְקְרִיגְן מִיט זַיין ווַייבּ אוּן קִינְדֶער, אָדֶער מִיט קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ בַּאווַייזְט דָאס אַז גָארְנִישְׁט קֶען אִים דֶערְנֶערְווִירְן אוּן גָארְנִישְׁט קֶען אִים אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין נֶערְוֶועזְקֵייט, דֶעמָאלְט קֶען עֶר זַיין פַארְזִיכֶערְט אַז זַיין תְּשׁוּבָה אִיז אָנְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן אִין הִימְל.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ו') אַז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז וֶוען אֵיינֶער וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט אָדֶער מֶען רֶעדְט אוֹיף אִים אוּן מֶען דֶערְנֶערְווִירְט אִים, מֶען קְרִיגְט זִיךְ מִיט אִים, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ שְׁווַייגְט אָפּ, דָאס אִיז דֶער שְׁלֵימוּת הַתְּשׁוּבָה.

מֶען דַארְף אַרַיינְצוּלֵייגְן דִי וֶוערְטֶער גוּט גוּט אִין הַארְץ אַרַיין, אַז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז צוּ הָאבְּן סַבְלָנוּת, זַיין אַ גֶעדוּלְדִיגֶער מֶענְטְשׁ. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קנ"ה) אַז צוּצוּקוּמֶען צוּ גֶעדוּלְדִיגְקֵייט אוּן סַבְלָנוּת קֶען מֶען נִישְׁט נָאר דוּרְךְ אֱמוּנָה, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גְלֵייבְּט אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז גָארְנִישְׁט פִּירְט זִיךְ אַלֵיין, אַלֶעס אִיז נָאר פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין, דֶעמָאלְט אִיז עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט אִין כַּעַס, עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעדוּלְדִיג, וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז אַלְץ אִיז פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין וָואס פִּירְט דִי וֶועלְט בְּהַשְׁגָּחָה

<<<<<<

## א גוט ווארט

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן נד):

"כָּךְ רָאוּי לִהְיוֹת מִנְהַג יִרְאֵי הַשֵּׁם, תֵּכֶף בַּבֹּקֶר בַּהֲקִיצוֹ, קֹדֶם שֶׁיַּתְחִיל שׁוּם דָּבָר, יִזְכֹּר מִיַּד בְּעָלְמָא דְּאָתֵי", דָאס אִיז דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד דַארְף זִיךְ פִירְן, גְלַייךְ וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי זָאל עֶר טְרַאכְטְן פוּנֶעם תַּכְלִית - עֶס קוּמְט נָאךְ אַ וֶועלְט אוּן קֵיינֶער בְּלַייבְּט נִישְׁט דָא; עֶס גֵייט קוּמֶען אַ טָאג וָואס מִיר אַלֶע וֶועלְן אִיבֶּערְלָאזְן דִי וֶועלְט, מֶען וֶועט נֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן אִים אַרַיין לֵייגְן אִין גְרוּבּ, דָארְט וֶועט גָארְנִישְׁט נוּצְן, נָאר דָאס בִּיסְל תּוֹרָה וּתְפִלָּה וָואס מִיר הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעגְרֵייט, וֶועלְן מִיר מִיטְנֶעמֶען אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

אַז מֶען הֵייבְּט אָן דֶעם טָאג מִיט זִכָּרוֹן בְּעַלְמָא דְּאָתֵי אִיז דֶער גַאנְצֶער טָאג אַן אַנְדֶערֶער טָאג, וַוייל גוּפָא בָּתַר רֵישָׁא אָזִיל, דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ גֵייט נָאךְ דֶעם אָנְהֵייבּ; אַז מֶען טְרַאכְט אַז עֶס אִיז דָא נָאךְ אַ וֶועלְט, מֶען גֶעדֶענְקְט אַז עֶס אִיז דָא אַ בֵּית הַחַיִּים, דֶעמָאלְט לוֹיפְט מֶען גְלַייךְ דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען, מֶען זוּכְט אַרַיין צוּ כַאפְּן עֶפֶּעס גוּטְס וָואס וֶועט אִיבֶּער בְּלַייבְּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ קוּמֶען אִין שׁוּל אִיז מֶען מַמְשִׁיךְ אוֹיף זִיךְ דִי הַשְׁגָּחָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

**אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן צוּ נֶעמֶען אַ גוֹי'טֶע צוּ הֶעלְפְן אִינְדֶערְהֵיים?**

***שְׁאֵלָה:***

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַסַאךְ פוּן אַייךְ אַז מְ'דַארְף נֶעמֶען אַ "קְלִינִינְג לֶעדִי" אִינְדֶערְהֵיים, מְ'זָאל נֶעמֶען אַ גוֹי'אִישֶׁע הֶעלְפֶּערְקֶע אַרוֹיסְצוּהֶעלְפְן מִיט דִי אַרְבֶּעט אִינְדֶערְהֵיים, אַז דִי פְרוֹי זָאל זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן אִיבֶּערְשְׁטְרֶענְגֶען.

תּוֹרָה הִיא וְלִלְמוֹד אֲנִי צָרִיךְ, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען וִוי מוֹהֲרָ"אשׁ זי"ע שְׁרַייבְּט אִין סֵפֶר "חַסְדֵי אָבוֹת" זֵייעֶר שַׁארְף אַז מְ'זָאל דָאס נִישְׁט טוּן, דָאס בְּרֶענְגְט אַסַאךְ פְּרָאבְּלֶעמֶען פוּן צְנִיעוּת, חִינוּךְ, יִחוּד, הִרְהוּרִים רָעִים, אוּן נָאךְ.

אִיךְ הָאף אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט מִיר דָאס קֶענֶען אוֹיסְקְלָארְן, קֶען זַיין אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט אַנְדֶערְשׁ מְקַבֵּל גֶעוֶועזְן פוּן מוֹהֲרָ"אשׁ.

**אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ, דָוִד**

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ט' אִיָיר, כ"ד לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד דָוִד נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט וִוי אַזוֹי מֶען קֶען רֶעדְן צוּ אִינְגֶעלַייט מֶען זָאל הֶעלְפְן דִי וַוייבּ אוּן נֶעמֶען אַ פְרוֹי וָואס רֵיינִיגְט אִין שְׁטוּבּ (קְלִינִינְג לֶעדִי) בִּשְׁעַת מוֹהֲרָ"אשׁ זָאגְט קְלָאר אַז מֶען טָאר נִישְׁט נֶעמֶען קַיין פְרֶעמְדֶע פְרוֹי אִין שְׁטוּבּ צוּ רֵיינִיגְן, אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָ"אשׁ שְׁרַייבְּט אִין סֵפֶר חַסְדֵי אָבוֹת (עַל פִּרְקֵי אָבוֹת פֶּרֶק ב, מִשְׁנָה ח) אוֹיף דֶעם וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן: "מַרְבֶּה שְׁפָחוֹת מַרְבֶּה זִמָּה", אֵיינֶער וָואס פַארְמֶערְט שְׁפָחוֹת פַארְמֶערְט עֲבֵירוֹת; זָאגְט מוֹהֲרָ"אשׁ אַז מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען גוֹי'טֶעס וָואס רֵיינִיגְן דִי שְׁטוּבּ, וַוייל מֶען קֶען צוּקוּמֶען צוּ זֵייעֶר הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת, אוּן אֲפִילוּ מֶען קוּמְט נִישְׁט צוּ טוּן אַן עֲבֵירָה, אָבֶּער אִין טְרַאכְטְן פוּן אַן עֲבֵירָה פַאלְט מֶען זִיכֶער אַרַיין, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת סד.): "אִם מִידֵי עֲבֵירָה יָצָאנוּ, מִידֵי הִרְהוּר לֹא יָצָאנוּ", אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר הַארְבּ אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא כט:): "הִרְהוּרֵי עֲבֵירָה קָשִׁים מֵעֲבֵירָה"; נָאךְ זָאגְט מוֹהֲרָ"אשׁ אַז מֶען קֶען נִכְשָׁל וֶוערְן אִין אִיסוּר יִחוּד. אוּן מוֹהֲרָ"אשׁ פִירְט דָארְט אוֹיס אַז מֶען זָאל אָנְזָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אוֹיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט אַרַיין צוּ נֶעמֶען אִין שְׁטוּבּ קַיין גוֹי'טֶע.

דַארְפְסְטוּ אָבֶּער וִויסְן דֶעם כְּלַל אַז (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה פֶּרֶק ג, הֲלָכָה ה): "דִּבְרֵי תוֹרָה עֲנִיִּים בִּמְקוֹמָן, וַעֲשִׁירִים בְּמָקוֹם אַחֵר"; קוּק אַרַיין אִין דִי אַנְדֶערֶע פֵּירוּשִׁים פוּן מוֹהֲרָ"אשׁ אוֹיף אָבוֹת וִוי מוֹהֲרָ"אשׁ זָאגְט אַז אוֹיבּ דִי וַוייבּ דַארְף אַ פְרוֹי אַרוֹיס צוּ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ, זָאל מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ זַיין אִין שְׁטוּבּ אִין דִי צַייט וֶוען דִי קְלִינִינְג לֶעדִי אִיז דָארְט. אַזוֹי אוֹיךְ טָארְן דִי קִינְדֶער נִישְׁט זַיין אִין שְׁטוּבּ, וַוייל מֶען קֶען צוּקוּמֶען צוּ שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אַזוֹי וִוי מִיר וֵוייסְן וִוי שְׁטַארְק דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מַזְהִיר גֶעוֶועזְן מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ רֵיינֶע מֹחַ, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן קיד): "סְ'הָאט אַ פָּנִים אַז מְ'מוּז זִיךְ פוּן אַ הִרְהוּר זֵייעֶר הִיטְן".

אַזוֹי פִירְן זִיךְ עֶרְלִיכֶע אִידְן, מֶען נֶעמְט נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ קַיין פְרֶעמְדֶע פְרוֹי וֶוען דֶער מַאן אָדֶער דִי אִינְגְלֶעךְ גֶעפִינֶען זִיךְ אִין שְׁטוּבּ; מֶען גֶעבְּט זֵייעֶר אַכְטוּנְג אַז דִי שְׁטוּבּ זָאל זַיין הֵיילִיג אוּן רֵיין. דָאס וָואס מוֹהֲרָ"אשׁ אִיז אַזוֹי קֶעגְן אַרַיין נֶעמֶען אִין שְׁטוּבּ פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן וָואס הֶעלְפְן רֵיינִיגְן, וַוייל אַז דֶער מַאן אָדֶער דִי קִינְדֶער זֶענֶען אִין שְׁטוּבּ, אִיז שׁוֹין בֶּעסֶער אַז דִי שְׁטוּבּ זָאל נִישְׁט זַיין אוֹיפְגֶערוֹימְט וִוי אֵיידֶער מֶען זָאל צוּקוּמֶען צוּ אֵיין שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבָה רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אֵיין יָאר פַאר פֶּסַח הָאט מֶען אִיבֶּער גֶעפַארְבְּט דֶעם רֶבִּינְ'ס שְׁטוּבּ אִין בְּרֶסְלֶב; מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעטְרָאגְן אַלֶע מֶעבְּל וְכוּ' אִינְדְרוֹיסְן אַז עֶס זָאל נִישְׁט וֶוערְן שְׁמוּצִיג, אוּן אוֹיף דִי כֵּלִים וָואס זֶענֶען אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן אִין שְׁטוּבּ הָאט מֶען אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט לַיילֶעכֶער עֶס זָאל נִישְׁט וֶוערְן שְׁמוּצִיג. בַּיים רֶבִּי'ן אִין שְׁטוּבּ אִיז גֶעוֶוען אַ זֵייגֶער, אוּן דֶעם רֶבִּינְ'ס טָאכְטֶער אָדְל הָאט דָאס בַּאדֶעקְט מִיט אִיר טִיכְל אַז עֶס זָאל נִישְׁט שְׁמוּצִיג וֶוערְן, וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטוּבּ אוּן דָאס בַּאמֶערְקְט, הָאט עֶר אִיר גֶעזָאגְט: "נִישְׁט מִיט אַזַא זַאךְ דֶעקְט מֶען אִיבֶּער, עֶס זֶענֶען פַארְהַאנֶען הַיינְט אַזֶעלְכֶע פַארְמִישְׁטֶע מוֹחוֹת, וָואס וֶוען זֵיי זֶעעֶן נָאר אַ פְרוֹיעֶן טִיכְל בַּאקוּמֶען זֵיי שׁוֹין שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת! נֶעם עֶס אַרָאפּ אוּן דֶעק עֶס אִיבֶּער מִיט אַ צְוֵוייטֶע זַאךְ". זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי שְׁטַארְק דֶער רֶבִּי הָאט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אַז מֶען זָאל הָאבְּן רֵיינֶע מַחְשָׁבוֹת.

ווָאוּיל אִיז פַאר דֶעם וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּבּ קַיין גוֹי'טֶעס וֶוען דֶער מַאן אָדֶער אִינְגְלֶעךְ זֶענֶען דָארְט, וֶועט מֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ קַיין שְׁלֶעכְטְס.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן קֶענֶען אוֹיפְצִיעֶן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער רֵיין אוּן הֵיילִיג.**

**BreslevCenter.com\answers**

>>>>>>

פְּרָטִית, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (חוּלִין ז':) אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְמַטָּה אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין מִלְמַעְלָה; אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט קַיין קְלַאפּ אִין דֶעם קְלֵיינֶעם פִינְגֶער נָאר אַז מֶען הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן קוֹדֶם פוּן אוֹיבְן, גָארְנִישְׁט פִירְט זִיךְ אַלֵיין. אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ אַיינְקוֹיפְן דִי מִדָּה פוּן סַבְלָנוּת, גֶעדוּלְדִיגְקֵייט, הָאבְּן גֶעדוּלְד צוּ יֶעדֶעם אֵיינֶעם, וּבִפְרַט צוּ דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, וָואס דָאס וַוייזְט אַז עֶר הָאט שׁוֹין תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, אוּן זַיין תְּשׁוּבָה אִיז אָנְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן אוֹיבְן אִין הִימְל.

אַ אִיד דַארְף זִיךְ אַיינְקוֹיפְן דִי טֵייעֶרֶע מִדָּה פוּן סַבְלָנוּת אִין שְׁטוּבּ, וָואס דָאס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע מִדָּה אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אַ בְּרָכָה אִין שְׁטוּבּ. אַזוֹי וִוי מֶען דֶערְצֵיילְט פוּן פְּשׁוּטֶע מֶענְטְשְׁן, וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעקְרִיגְט אִין שְׁטוּבּ, אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן מִיט גְרוֹיסֶע מֶעכְטִיגֶע יְשׁוּעוֹת, הֵן מִיט גֶערָאטֶענֶע קִינְדֶער הֵן מִיט פַּרְנָסָה.

צוּם הֵיילִיגְן שִׁינָאוֶוער רָב זי"ע אִיז גֶעקוּמֶען אַ פָּארְפָאלְק - נָאךְ אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג יָאר לֶעבְּן צוּזַאמֶען - צוּ אַ דִין תּוֹרָה. זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער ל"ע, הָאבְּן זֵיי צְוִוישְׁן זִיךְ בַּאשְׁלָאסְן אַז זֵיי וֶועלְן זִיךְ גֶטְ'ן, אֶפְשָׁר וֶועט דֶער מַזָל זֵיי בְּרֶענְגֶען אַז בֵּיידֶע וֶועלְן נָאכְאַמָאל חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אַנְדֶערֶע אוּן זֵיי וֶועלְן הָאבְּן קִינְדֶער. נָאר וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי דִין תּוֹרָה? אַזוֹי וִוי זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען פַארְמֶעגְלִיךְ מִיט פַּרְנָסָה, דֶער מַאן הָאט גֶעהַאט אַ פַאבְּרִיק, אוּן צְוִוישְׁן זֵיי אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין שׁוּם וֶוערְטֶער קְרִיגֶערֵיי, זַייט זֵיי הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט הָאבְּן זֵיי זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעקְרִיגְט, נָאר גֶעלֶעבְּט בְּשָׁלוֹם. "אִיז וָואס אִיז דִי דִין תּוֹרָה?" - פְרֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער שִׁינָאוֶוער רָב זי"ע. זִי הָאט גֶע'טַעֲנָה'ט אַז דָאס פַאבְּרִיק זָאל בְּלַייבְּן בַּיי אִים, עֶר זָאל הָאבְּן פַּרְנָסָה, כְּדֵי עֶר זָאל קֶענֶען לֶערְנֶען מִיט אַ קְלָארְן קָאפּ; אוּן עֶר הָאט גֶע'טַעֲנָה'ט, נֵיין! דָאס פַאבְּרִיק זָאל זַיין וַוייבּ נֶעמֶען, וָוארוּם עֶר וֶועט זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן אָן דֶעם פַאבְּרִיק, אוּן זִי נֶעבֶּעךְ וֶועט בְּלַייבְּן אָן גָארְנִישְׁט, זָאל זִי כָאטְשׁ הָאבְּן פוּן וואוּ צוּ נֶעמֶען פַּרְנָסָה. וִוי דֶער הֵיילִיגֶער שִׁינָאוֶוער רָב זי"ע הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "דֶער פַאבְּרִיק וֶועט בְּלַייבְּן פַאר עֶנְק בֵּיידֶע, אִיר וֶועט זִיךְ נִישְׁט גֶטְ'ן, אִיבֶּער אַ יָאר אִין דִי צַייט וֶועט אִיר הָאבְּן אַ בֵּן זָכָר!", אוּן אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם וָואס אִיז דֶער כֹּחַ פוּן אַ פָּארְפָאלְק וָואס קְרִיגְן זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוּן זֶענֶען גֶעדוּלְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן, אַז זֵיי וֶוערְן גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט אַלֶעם גוּטְן. אוּן אַזוֹי הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעוָואלְט אַז מֶען זָאל אָפְּגֶעבְּן גְרוֹיס כָּבוֹד פַארְ'ן וַוייבּ, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רס"ג - רס"ד): "דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם טוּט אַלֶעס עֶס זָאל זַיין אַ מַחְלוֹקֶת צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, כְּדֵי זֵיי מַכְשִׁיל צוּ זַיין מִיט עֲוֹנוֹת אוּן חֲטָאִים וְכוּ'". אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ בַּאטְרַאכְטְן: וִויפִיל צַעַר אוּן לַיידְן הָאט זַיין וַוייבּ? צַעַר הָעִיבּוּר, וְהַלֵּידָה, וְהַגִּידוּל, וְכוּ', זִי מוּטְשֶׁעט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט דִי קִינְדֶער, דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֵייעֶר רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִי וַוייבּ, אוּן אִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן. ווָאוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס פָאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וֶועט אִים גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(אֲשֶׁר בַּנַּחַל אִידִישׁ, חֵלֶק א', מִכְתָּב ז')

## פַאֲרְוָואס קוּמְט דָאס מִיר?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ט"ו) אַז וֶוער עֶס וִויל שְׁפִּירְן דֶעם אוֹר הַגָּנוּז זָאל עוֹסֵק זַיין אִין בְּחִינַת מִשְׁפָּט, דָאס מֵיינְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אַלֵיין מִשְׁפָּט'ן, עֶר זָאל מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן, "פַארְוָואס קוּמְט אוֹיף מִיר דִי צָרָה?" אוּן וֶוען אַ אִיד וֶועט זִיךְ מִשְׁפָּט'ן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וִוי עֶר פִירְט זִיךְ, דֶעמָאלְט וֶועט עֶר שׁוֹין פוּן גָארְנִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן.

עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אוֹיף דֶעם הֵיילִיגְן חָתָם סוֹפֵר זי"ע, אַז עֶר אִיז גֶעפָארְן אֵיינְמָאל צוּ אַ מֶרְחָץ וֶועגְן זַיין גֶעזוּנְט, אוּן מֶען הָאט גֶע'פּוּעֶל'ט פַאר אִים אַז עֶר זָאל זַיין בַּיינַאכְט וֶוען קֵיינֶער אִיז שׁוֹין נִישְׁטָא דָארְט, עֶר הָאט גֶעוָואלְט זַיין אַלֵיין אִין דֶעם פְּלַאץ וואוּ עֶס קוּמְט אַרוֹיס דִי שְׁוֶועבְל וַואסֶער וָואס עֶס אִיז אַ רְפוּאָה.

דָארְטְן אִיז גֶעוֶוען צְוֵויי גְרוֹיסֶע אַייזֶערְנֶע טִירְן, אוּן וִוי נָאר עֶר אִיז אַרַיין הָאט זִיךְ פַארְשְׁלָאסְן אוֹיף אִים דִי צְוֵויי גְרוֹיסֶע אַייזֶערְנֶע טִירְן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיס, דֶערְוַוייל אִיז דִי גַאנְצֶע צִימֶער פוּל גֶעוָוארְן מִיט פַארֶע פוּן דִי הִיץ וָואס דָארְטְן אִיז גֶעוָוארְן, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיס גֵיין, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַז עֶר גֵייט דֶערְשְׁטִיקְט וֶוערְן. הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ צוּ מִשְׁפָּט'ן, פַארְוָואס קוּמְט אִים אַזַא מִיתָה מְשׁוּנָה פוּן חֶנֶק? בִּיז עֶס אִיז אִים אַיינְגֶעפַאלְן אַז חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת ק"ה:) כָּל הַמִּתְעַצֵּל בְּהֶסְפֵּידוֹ שֶׁל חָכָם אֵינוֹ מַאֲרִיךְ יָמִים; אוּן אַזוֹי וִוי עֶס אִיז דֶעמָאלְט נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער גָאוֹן, רֶבִּי דָוִד דַייטְשׁ זַ"ל, אוּן עֶר הָאט אִים נִישְׁט מַסְפִּיד גֶעוֶוען, הָאט עֶר צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט אַז דָאס מוּז זַיין דִי סִיבָּה פוּן זַיין מַצָּב, אוּן עֶר הָאט אוֹיף זִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען אַז עֶר וֶועט אִים מַסְפִּיד זַיין גְלַייךְ וֶוען עֶר וֶועט אַרוֹיס גֵיין, אוּן וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער אִיז גֶעשֶׁען אַז דִי שְׁוֶוערֶע טִירְן הָאבְּן זִיךְ אַלֵיין גֶעעֶפְנְט אוּן אַזוֹי אִיז עֶר נִיצוֹל גֶעוָוארְן אוּן הָאט גֶעקֶענְט אַרוֹיס גֵיין, אוּן עֶר הָאט גְלַייךְ גֶעלָאזְט צוּזַאם רוּפְן אַלֶע אִידְן וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעפִינֶען אִין מֶרְחָץ אוּן הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף אִים אַ גְרוֹיסֶע הֶסְפֵּד.

פוּן דֶעם זֶעט מֶען וִוי מֶען דַארְף לֶעבְּן מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ה':), מִי חָשִׁיד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא דְּעָבִיד דִּינָא בְּלָא דַּיְינָא? יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס קוּמְט אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ אִיז מִיט אַ רִיכְטִיגֶער חֶשְׁבּוֹן. דֶערְפַאר דַארְף זִיךְ אַ אִיד מִשְׁפָּט'ן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן עֶס וֶועט לַייכְטְן אוֹיף אִים אַ גְרוֹיסֶער לִיכְט. ווָאוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן אוֹיף דֶעם עוֹלָם.

(אֲשֶׁר בַּנַּחַל אִידִישׁ, חֵלֶק א', מִכְתָּב ח')

# לַ״ג בָּעוֹמֶר

דֶער טָאג לַ״ג בָּעוֹמֶר אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג, עֶס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן דִי ״יוֹמָא דְהִילוּלָא״ פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי, דֶער טָאג אִיז רֶבִּי שִׁמְעוֹן׳ס פֶּערְזֶענְלִיכֶע שִׂמְחָה. עֶר טֵיילְט דֶעמָאלְט אוֹיס טֵייעֶרֶע מַתָּנוֹת פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אַזוֹי וִוי רַייכֶע מְחוּתָּנִים פִירְן זִיךְ צוּ טֵיילְן בַּיי אַ שִׂמְחָה טֵייעֶרֶע מַתָּנוֹת, אוּן אַזוֹי טֵיילְט רֶבִּי שִׁמְעוֹן אוֹיךְ. דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת ט.) ״כְּדַאי הוּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן לִסְמֹךְ עָלָיו בִּשְׁעַת הַדְחַק״. צַדִיקִים הָאבְּן דָאס גֶעטַייטְשְׁט אַז וֶוען אַ אִיד גֶעפִינְט זִיךְ אִין אַ שְׁעַת הַדְחַק, עֶס אִיז אִים עֶנְג, עֶר אִיז אִין אַ צָרָה, קֶען עֶר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן אִין דִי זְכוּת פוּן דֶעם גְרוֹיסְן תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי.

אֲפִילוּ וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט זוֹכֶה צוּ פָארְן אוֹיף מִירוֹן צוּ זַיין בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִין דֶעם טָאג פוּן לַ״ג בָּעוֹמֶר, קֶען זִיךְ אָבֶער בַּאהֶעפְטְן צוּם צַדִיק פוּן וואוּ עֶר אִיז. דָאס וֶוערְט גֶערֶעכְנְט מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי מֶען אִיז דָארְט, וַוייל וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט דָארְט אִיז דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ. דֶערְפַאר אִיז דֶער טָאג לַ״ג בָּעוֹמֶר זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג, מֶען קֶען דֶעמָאלְט פוֹעֶלְ׳ן אַלֶעס גוּטְס, מֶען זֶעצְט זִיךְ אַוֶועק אוּן מֶען בֶּעט זִיךְ אוֹיס בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען ווִיל, אִין זְכוּת פוּנֶעם בַּעַל הִילוּלָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי.

סְפֶּעצִיעֶל וֶוען מֶען עֶפְנְט אוֹיף אַ סֵפֶר הַזֹּהַר, מֶען זִיצְט אוֹיפְ׳ן סֵפֶר, אוּן מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט דָאס גֶערֶעכְנְט אַזוֹי וִוי מֶען אִיז בַּיים צִיוּן. אַזוֹי וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר ״מְאוֹר עֵינַיִם״ (יִשְׂמַח לֵב, מַסֶּכֶת שַׁבָּת) אַז דֶער צַדִיק אִיז בַּאהַאלְטְן אִין זַיין סֵפֶר. אוּן אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן קצ״ב) אַז דֶער פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִיק לִיגְט אִין זַיין סֵפֶר, אוּן דֶערְפַאר וֶוען מֶען זִיצְט בַּיים סֵפֶר פוּנֶעם צַדִיק וֶוערְט עֶס גֶערֶעכְנְט אַזוֹי וִוי מֶען אִיז בַּיי זַיין צִיוּן.

אַוַדְאַי וֶוער עֶס אִיז יָא זוֹכֶה צוּ פָארְן אוֹיף מִירוֹן צוּ זַיין מַמָּשׁ בַּיים צִיוּן אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם. אֲפִילוּ אַ גַאנְץ יָאר אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ גֵיין צוּ קֶבֶר פוּן אַ צַדִיק, אוּן זִיכֶער וֶוען עֶס אִיז אִין דִי יוֹמָא דְהִילוּלָא פוּן דֶעם צַדִיק. אוּן נָאכְדֶערְצוּ בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִין מִירוֹן לַ״ג בָּעוֹמֶר, קֶען מֶען זִיכֶער פוֹעֶלְ׳ן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת אוּן אַלֶעס גוּטְס.

## אַ רוּאִיג פְּלַאץ אִין אַ ווִינְקְל

דִי וָואס פָארְן יָא קַיין מִירוֹן אוּם לַ״ג בָּעוֹמֶר דַארְפְן ווִיסְן אַז רֶבִּי שִׁמְעוֹן גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט נָאר אִין דִי מְעָרָה, נָאר עֶר אִיז אוֹיךְ אִין גַאנְצֶע גֶעגְנְט אַרוּם, אִין דִי גַאנְצֶע בַּארְג פוּן מִירוֹן. דִי גַאנְצֶע בַּארְג הָאט דִי קְדוּשָׁה פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן, מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין זִיךְ אַרַיינְצוּשְׁטוּפְן אִין דִי מְעָרָה. מֶען טְרֶעפְט זִיךְ אַ רוּאִיג פְּלַאץ אִין אַ ווִינְקְל, אוּן פוּן דָארְט אִיז מֶען זִיךְ מְקַשֵׁר צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן, אוּן מֶען בֶּעט זִיךְ אוֹיס בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף. דֶער זְכוּת פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן מִיט אַלֶע גְרוֹיסֶע צַדִיקִים וָואס לִיגְן דָארְט בַּאהַאלְטְן אִיז זִיכֶער מֵגִין אַז מֶען זָאל שְׁנֶעל גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט וָואס מֶען דַארְף.

אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ זֶעט מֶען בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִין מִירוֹן, עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם אַלֶע נְשָׁמוֹת-יִשְׂרָאֵל פוּן קְלֵיין בִּיז גְרוֹיס. רַבָּנִים אוּן אַדְמוֹרִי״ם, חֲסִידִים אוּן מִתְנַגְדִים, אַשְׁכְּנַזִים אוּן סְפַרְדִים, אַלֶע קוּמֶען צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן אוּן גֶעפִינֶען זִיךְ דָאס פְּלַאץ דָארְט, וַוייל דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים הָאבְּן אַ שְׁפְּרַאךְ צוּ יֶעדְן אִיד אָן אוֹיסְנַאם. אִין סֵפֶר בֵּית אַהֲרֹן פוּן דֶעם צַדִיק רֶבִּי אַהֲרֹן קַארְלִינֶער זי״ע שְׁטֵייט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע לָשׁוֹן: ״אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אַזוֹי אִיז רֶבִּי שִׁמְעוֹן אוֹיךְ פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן אֲפִילוּ פַאר נִידְרִיגֶע מֶענְטְשְׁן״. זֶעט מֶען אַז יֶעדֶער אִיד קֶען הָאבְּן חִיוּת פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי, אוּן דֶערְפַאר פָארְן אַזוֹיפִיל אִידְן צוּ זַיין צִיוּן, אוּן פוֹעֶלְ׳ן אוֹיס אַלֶעס גוּטְס.

## שִׁיסְן מִיט אַ פַייל אוּן בּוֹיגְן

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים סִימָן ס״ג) אַז צוּ שִׁיסְן מִיט אַ פַייל אוּן בּוֹיגְן אוּם לַ״ג בָּעוֹמֶר, אִיז אַ סְגוּלָה פַאר קִינְדֶער. דָאס מֵיינְט סַיי אַ סְגוּלָה צוּ הָאבְּן קִינְדֶער, אוּן סַיי אַ סְגוּלָה צוּ הָאבְּן נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער, אוּן זֵיי אוֹיפְצִיעֶן גְרִינְגֶערְהֵייט. אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְן זִיךְ צוּ מְקַיֵים זַיין וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט, אוּן שִׁיסְן מִיט אַ פַייל אוּן בּוֹיגְן אוּם לַ״ג בָּעוֹמֶר.

מֶען קֶען דָאס פַארְשְׁטֵיין לוֹיט דִי מַעֲשֶׂה וָואס דֶער מֶדְרָשׁ דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אַ פָּאר-פָאלְק צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי אַז זֵיי ווִילְן זִיךְ גֶט׳ן וַוייל עֶס אִיז שׁוֹין דוּרְךְ אַ לַאנְגֶע צַייט פוּן זֵייעֶר חֲתוּנָה אוּן זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן קִינְדֶער. הָאט זֵיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן גֶעזָאגְט אַז זֵיי קֶענֶען זִיךְ גֶט׳ן אָבֶער אַזוֹי וִוי בַּיי זֵייעֶר חֲתוּנָה הָאבְּן זֵיי גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה, זָאלְן זֵיי יֶעצְט אוֹיךְ מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה בַּיים זִיךְ גֶט׳ן. זֵיי הָאבְּן אַזוֹי גֶעטוּן, זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה בַּיי זֵיי אִינְדֶערְהֵיים, דֶער מַאן הָאט זִיךְ אָנְגֶעטְרִינְקֶן מִיט וַויין בַּיי דִי סְעוּדָה, אוּן נָאךְ דִי סְעוּדָה הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּ זַיין וַוייבּ שִׁיכּוֹר׳עֶרְהֵייט:

<<<<<<

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## טְרַאכְט נִישְׁט פוּן יֶענֶעם

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-א, י״ב נִיסָן, שְׁנַת תשע״ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן קצה): ״מִי שֶׁרוֹצֶה כָּבוֹד הוּא שׁוֹטֶה״, וֶוער עֶס ווִיל כָּבוֹד אִיז אַ שׁוֹטֶה. דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט דָארְט אַ מָשָׁל, אַז אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ גֶענֶערַאל וָואס הָאט גֶעשִׁיקְט זַיין אוֹיפְזֶעעֶר צוּ אֵיינֶע פוּן זַיינֶע שְׁטֶעטְלֶעךְ זִיךְ אוּמְקוּקְן דָארְט, וֶוען דֶער אוֹיפְזֶעעֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַהִין הָאבְּן דִי מֶענְטְשְׁן גֶעמֵיינְט אַז עֶר אִיז גָאר דֶער גֶענֶערַאל, זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעבּוּקְט פַאר אִים אוּן גֶעפַאלְן צוּ זַיינֶע פִיס, מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן מִיט אַלֶע שֵׁיינֶע טִיטְלֶען אוּן אִים אָפְּגֶעגֶעבְּן דֶעם גְרֶעסְטְן כָּבוֹד. בִּיז אֵיינְמָאל אִיז דֶער גֶענֶערַאל אַלֵיינְס אַהִין גֶעפָארְן אוּן דֶער אוֹיפְזֶעעֶר אִיז אוֹיךְ מִיט גֶעקוּמֶען פַאר אִים. דֶער גֶענֶערַאל הָאט גֶערֶעדְט מִיטְן אוֹיפְזֶעעֶר אִיבֶּער גֶעווִיסֶע זַאכְן וָואס דַארְפְן וֶוערְן עֶרְלֶעדִיגְט, אִינְצְווִישְׁן הָאט דֶער גֶענֶערַאל גֶערוּפְן אֵיינֶע פוּן דִי שׁוֹטְרִים אִים אוֹיסְפְרֶעגְן אוֹיף זַאכְן וְכוּ׳, דֶער שׁוֹטֵר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וֶוער דֶער גֶענֶערַאל אִיז, עֶר הָאט נָאר גֶעקֶענְט דֶעם אוֹיפְזֶעעֶר, אִיז עֶר גֶעפַאלְן צוּ דִי פִיס פוּנֶעם פָּקִיד אוּן וֶוען דֶער גֶענֶערַאל הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט זַיינֶע שְׁאֵלוֹת הָאט עֶר נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט פַארְן שַׂר, עֶר הָאט נָאר גֶערֶעדְט צוּם אוֹיפְזֶעעֶר, זָאגְט דֶער רֶבִּי: ״אֲזַי נִתְהַפְּכוּ פְּנֵי הַפָּקִיד כְּשׁוּלֵי קְדֵרָה, וְנִתְבַּיֵּשׁ מְאֹד״, הָאט זִיךְ דֶער אוֹיפְזֶעעֶר זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט, ״כִּי אֵין בִּזָּיוֹן גָּדוֹל מִזֶּה, שֶׁבְּעֵינֵי הַשַּׂר נוֹתְנִים לוֹ כָּבוֹד הַזֶּה״, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע בִּזָיוֹן פַארְן פָּקִיד אַז מֶען גֶעבְּט אִים כָּבוֹד וֶוען עֶר שְׁטֵייט פַאר זַיין הַאר - דֶער גְרוֹיסֶער שַׂר, עַיֵּין שָׁם.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה בְּרוּרָה וּמְזוּכֶּכֶת, עֶר ווֵייסְט אוּן שְׁפִּירְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, בַּיי אִים אוּן נֶעבְּן אִים - אַזַא מֶענְטְשׁ וֶוערְט נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְט אוֹיבּ מֶען הָאט אִים יָא מְכַבֵּד גֶעוֶוען אָדֶער מֶען הָאט אִים נִישְׁט מְכַבֵּד גֶעוֶוען, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, עֶר שֶׁעמְט זִיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר ווֵייסְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא גָארְנִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בְּנוֹגֵעַ וָואס דוּ טְרַאכְסְט אַ גַאנְצְן טָאג וָואס יֶענֶער טְרַאכְט פוּן דִיר אוּן דוּ הֶערְסְט נִישְׁט אוֹיף אִיבֶּער טְרַאכְטְן צִי מֶען הַאלְט אַז דוּ בִּיסְט יָא חָשׁוּב אָדֶער נִישְׁט; קוֹדֶם כֹּל: ׳וֶוער הָאט צַייט צוּ טְרַאכְטְן פוּן אַ צְוֵוייטְן, וֶוער הָאט צַייט צוּ זַיין פַארְנוּמֶען מִיט אַ צְוֵוייטְן?׳ יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זִיךְ זַיינֶע שְׁוֶועריִקֵייטְן אִין לֶעבְּן, זַיינֶע אִיבֶּערְגֵייעֶכְץ מִיט וָואס עֶר דַארְף זִיךְ דוּרְךְ קוּמֶען אוּן זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן וְכוּ׳; חוּץ מִזֶּה, וָואס הָאסְטוּ מִיט יֶענֶעם, וָואס וֶועט שׁוֹין זַיין אוֹיבּ יֶענֶער וֶועט הַאלְטְן פוּן דִיר? דֶער עִיקָר דַארְפְן מִיר זַיין בַּאוִוילִיגְט אִין דִי אוֹיגְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער עִיקָר דַארְפְסְטוּ זֶען אַז אוֹיבְן אִין הִימְל זָאלְן מֶען הַאלְטְן פוּן דִיר.

מוֹהֲרָא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט אַסַאךְ דֶערְצֵיילְן דִי פָאלְגֶענְדֶע מַעֲשֶׂה. מֶען הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט פֶּסַח בַּיינַאכְט ווִי אַ פָּשׁוּט׳ער אִיד וֵויינְט בַּיי דִי וֶוערְטֶער: ״תָּם מָה הוּא אוֹמֵר?״ עֶר הָאט עֶס אִיבֶּער גֶעזָאגְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: ״וָואס אִיז דָא צוּ וֵויינֶען בַּיי דִי וֶוערְטֶער?״ הָאט עֶר גֶעזָאגְט: ״אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט גָארְנִישְׁט, אִיךְ זֶע אִין דִי הַגָּדָה אַז דֶער חָכָם זָאגְט עֶפֶּעס אוּן דֶער רָשָׁע זָאגְט עֶפֶּעס, וָואס גֵייט מִיר אָן וָואס דֶער חָכָם זָאגְט אוֹיף מִיר, וָואס דֶער רָשָׁע הַאלְט פוּן מִיר? אָבֶער ״תָּם, מָה הוּא אוֹמֵר״? עֶר וַוייזְט מִיטְן פִינְגֶער אוֹיף אַרוֹיף, וָואס זָאגְט מֶען אוֹיף מִיר אוֹיבְן אִין הִימְל (אוֹיף רוּסִישׁ זָאגְט מֶען ׳דָארְט׳ - תָּם), דֶערְפַאר וֵויינְט עֶר: ׳תָּם, מָה הוּא אוֹמֵר?׳ וָואס זָאגְט מֶען אוֹיבְן אוֹיף מִיר; דֶער הַאלְט אִיז אִיךְ בִּין אַ בַּטְלָן, דֶער הַאלְט אִיךְ בִּין אַ שְׁלִימַזָל, אָבֶער רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס הַאלְסְטוּ פוּן מִיר? רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל זַיין בַּאוִוילִיגְט אִין דַיינֶע אוֹיגְן.

מוֹהֲרָא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אֵיינְמָאל אִיז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעגַאנְגֶען בַּאזוּכְן אַ חוֹלֶה. בִּשְׁעַת דֶער בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ אִיז דָארְט גֶעוֶוען הָאט דֶער חוֹלֶה אוֹיסְגֶעהוֹיכְט זַיין נְשָׁמָה אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעשְׁמֵייכְלְט. וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אַרוֹיס פוּן דָארְט הָאבְּן אִים דִי תַּלְמִידִים גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס עֶר הָאט גֶעשְׁמֵייכְלְט, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט אַז וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי מִינוּט וֶוען דֶער חוֹלֶה הָאט גֶעדַארְפְט נִסְתַּלֵק וֶוערְן, הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵייט זַיין קָאפּ צוּם עוֹלָם צוּ וַוייזְן אַז עֶר שְׁטַארְבְּט מִיט אַ שֵׁיינֶע מִיתָה, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (כְּתוּבּוֹת קג:): ״פָּנָיו כְּלַפֵּי הָעָם, סִימָן יָפֶה לוֹ״ - אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ שְׁטַארְבְּט מִיטְן פָּנִים אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם עוֹלָם, אִיז דָאס אַ גוּטֶע סִימָן, ״כְּלַפֵּי הַכּוֹתֶל, סִימָן רַע לוֹ״, - אוֹיבּ שְׁטַארְבְּט מֶען מִיטְן פָּנִים אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם וַואנְט, אִיז דָאס אַ שְׁלֶעכְטֶער סִימָן; דֶער מֶענְטְשׁ דָא וָואס אִיז יֶעצְט נִפְטָר גֶעוָוארְן הָאט אִין זַיינֶע לֶעצְטֶע רְגָעִים אִינְזִין גֶעהַאט אַז דֶער עוֹלָם זָאל זֶען אַז עֶר שְׁטַארְבְּט מִיט אַ גוּטֶע מִיתָה... דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ גֶעלַאכְט, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען זַיין אַזוֹי נַארִישׁ, עֶר גֵייט שׁוֹין אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, עֶר שְׁטַארְבְּט אָט אָט אוּן עֶר הָאט נָאכְאַלְץ אִינְזִין כָּבוֹד; זֶעט מֶען ווִי קְלֵיינְקֶעפִּיג אַ מֶענְטְשׁ אִיז וֶוען עֶר לֶעבְּט נִישְׁט מִיט אֱמוּנָה.

טֵייעֶרֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, נֶעם דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; גֵיי אִין אַ לֵיידִיגֶע פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן רֶעד זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ. בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה, אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, אוּן דוּ זָאלְסְט שְׁפִּירְן ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט נֶעבְּן דִיר. אֵיינְמָאל מֶען לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינְטֶערֶעסִירְט שׁוֹין נִישְׁט וָואס יֶענֶער זָאגְט, מֶען זוּכְט דֶער עִיקָר צוּ טוּן דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן אוּנְזֶער מִצְרַיִם, מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט וֶועלְן מִיר זַיין גְלִיקְלִיךְ אוּן צוּפְרִידְן.

**אַ כָּשֵׁר׳ן פְרֵייליכְן יוֹם טוֹב.**

BreslevCenter.com\answers

>>>>>>

"וֶוען דוּ גֵייסְט יֶעצְט אַהֵיים צוּ דַיין טַאטֶע'ס הוֹיז קֶענְסְטוּ דִיר אוֹיסְקְלוֹיבְּן סַיי וֶועלְכֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְסְט פוּן דָא אוּן עֶס מִיטְנֶעמֶען מִיט דִיר", אוּן אַזוֹי אִיז עֶר אַיינְגֶעשְׁלָאפְן שִׁיכּוֹר'עֶרְהֵייט. וֶוען דֶער מַאן אִיז שׁוֹין טִיף גֶעשְׁלָאפְן, הָאט דִי פְרוֹי גֶעזָאגְט פַאר אִירֶע קְנֶעכְט אַז זֵיי זָאלְן אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם מַאן מִיט זַיין בֶּעט אוּן אִים אַרִיבֶּערְטְרָאגְן צוּ אִיר טַאטֶע'ס הוֹיז. זֵיי הָאבְּן אַזוֹי גֶעטוּן, זֵיי הָאבְּן אִים אַרִיבֶּער גֶעטְרָאגְן צוּ אִיר טַאטֶע'ס הוֹיז מִיט זַיין בֶּעט. וֶוען דֶער מַאן הָאט זִיךְ דֶערְוֶועקְט אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען ווּאוּ עֶר גֶעפִינְט זִיךְ, הָאט עֶר אִיר גֶעפְרֶעגְט: "ווּאוּ גֶעפִין אִיךְ זִיךְ דָא?" הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דוּ הָאסְט מִיר גֶעזָאגְט אַז אִיךְ קֶען נֶעמֶען סַיי וֶועלְכֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ וִויל פוּן דַיין הוֹיז, אוּן עֶס אַהֵיים טְרָאגְן צוּ מַיין טַאטֶע'ס הוֹיז, אוּן דֶערְפַאר הָאב אִיךְ דִיר גֶענוּמֶען, דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ הָאב זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן"...

זֶענֶען זֵיי צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן, זֵיי הָאבְּן אִים דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה, אוּן גֶעפְרֶעגְט וָואס זֵיי זָאלְן טוּן וַוייטֶער. וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: "אוֹיב אַזוֹי, אַז אִיר הָאט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק לִיב, זָאלְט אִיר טַאקֶע בְּלַייבְּן אִינְאֵיינֶעם, אוּן אִיךְ ווּאוּנְטְשׁ אַייךְ אָן אַז אִיר זָאלְט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער". אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען אַז זֵיי זֶענֶען גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן מִיט לִיכְטִיגֶע גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער. זֶעט מֶען וִוי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי הָאט גֶעהָאלְפְן אִידְן צוּ הָאבְּן קִינְדֶער. אוּן דֶערְפַאר אִיז דֶער טָאג לַ"ג בָּעוֹמֶר, וָואס דֶעמָאלְט אִיז זַיין יוֹמָא דְהִילוּלָא, מְסוּגָל פַאר קִינְדֶער.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ עֶרֶךְ לַ"ג בָּעוֹמֶר)

## פֶּסַח שֵׁנִי

פוּן דִי מִצְוָה פוּן פֶּסַח שֵׁנִי קֶען זִיךְ יֶעדֶער אִיד אַרוֹיסְנֶעמֶען אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְחַזְקוּת אִין יֶעדְן מַצָּב. עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען טָמֵא בַּיים עֶרְשְׁטְן קָרְבַּן פֶּסַח, אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט מַקְרִיב זַיין דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח, זֵיי הָאבְּן אָבֶער נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, נָאר זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם צַדִיק, צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אוּן גֶע'טַעֲנָה'ט לָמָּה נִגָּרַע? - פַארְוָואס זָאלְן מִיר זַיין וֶוינִיגֶער? מִיר וִוילְן אוֹיךְ מַקְרִיב זַיין דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן גֶערֶעכְט אוּן זֵיי וֶועלְן קֶענֶען מַאכְן דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח אִין פֶּסַח שֵׁנִי.

דָאס אִיז אַ מוּסַר הַשֵּׂכֶל פַאר יֶעדְן אִיד, אֲפִילוּ וֶוען עֶס לוֹיפְן דוּרְךְ טֶעג וָואכְן אוּן חֳדָשִׁים מִיט גָארְנִישְׁט, דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּ שְׁפֶּעט, מֶען קֶען אֵייבִּיג אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַזוֹי וִוי דִי אִידְן וָואס הָאבְּן פַארְפַאסְט דֶעם עֶרְשְׁטְן קָרְבַּן פֶּסַח, וָואס דֶעמָאלְט זֶענֶען דִי אִידְן אַרַיין אִין דִי קְדוּשָּׁה, אוּן זֵיי הָאבְּן נָאךְ אַלְץ גֶעהַאט אַ תַּקָּנָה, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי יֶעדְן אִיד.

דֶער צַדִיק רֶבִּי יִשְׂרָאֵל סַאלַאנְטֶער זַ"ל אִיז אַמָאל אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּ אַ שׁוּסְטֶער אַבִּיסְל שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, עֶר הָאט זִיךְ אַנְטְשׁוּלְדִיגְט פַאר'ן קוּמֶען אַזוֹי שְׁפֶּעט, אָבֶער מַמָּשׁ יֶעצְט הָאט זִיךְ זַיין שִׁיךְ צוּרִיסְן, אוּן עֶר וִויל וִויסְן אוֹיבּ דֶער שׁוּסְטֶער קֶען עֶס נָאךְ פַארֶעכְטְן. הָאט דֶער שׁוּסְטֶער גֶעזָאגְט: "וִוי לַאנְג דִי לִיכְט בְּרֶענְט נָאךְ, קֶען אִיךְ עֶס נָאךְ פַארֶעכְטְן".

רֶבִּי יִשְׂרָאֵל זַ"ל אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דִי וֶוערְטֶער וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט, "דָאס אִיז דָאךְ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מוּסַר הַשֵּׂכֶל, וִוי לַאנְג דִי לִיכְט, וָואס דָאס אִיז דִי נְשָׁמָה, בְּרֶענְט נָאךְ, קֶען מֶען אַלֶעס פַארֶעכְטְן", אוּן עֶר פְלֶעגְט דָאס אִיבֶּער'חַזְרֶ'ן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, "וִוי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט נָאךְ, קֶען עֶר אַלֶעס פַארֶעכְטְן".

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ח') "קַיין יֵאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאן", "אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט פַארְדַארְבְּן, גְלֵייבּ אַז דוּ קֶענְסְט אוֹיךְ פַארֶעכְטְן" (שָׁם, קי"ב), וַוייל וִוי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט קֶען עֶר אַלֶעס פַארֶעכְטְן.

אֵיין זַאךְ דַארְף מֶען אָבֶער גֶעדֶענְקֶען אַז דָאס דַארְף גֵיין דוּרְךְ אַ צַדִיק, אַזוֹי וִוי מִיר זֶען אַז דִי אִידְן וָואס הָאבְּן גֶעוָואלְט מַקְרִיב זַיין דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח הָאבְּן גֶעדַארְפְט גֵיין צוּם צַדִיק מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז אִין אַלֶע דוֹרוֹת, וֶוען אַ אִיד כַאפְּט זִיךְ אַז עֶר פַארְבְּרֶענְגְט דִי יָארְן מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, אוּן עֶר גֵייט צוּם צַדִיק, אוּן עֶר פָאלְגְט וָואס דֶער צַדִיק לֶערְנְט אִים, וֶועט עֶר זִיכֶער אַלֶעס פַארֶעכְטְן אוּן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ פֶּסַח שֵׁנִי)

### אַ הִימְל מֶענְטְשׁ

פֶּסַח שֵׁנִי מֶעג מֶען הָאבְּן חָמֵץ אוּן מַצָּה צוּזַאמֶען אִינְדֶערְהֵיים, דָאס לֶערְנְט אוּנְז אַז מֶען קֶען הָאבְּן גַשְׁמִיּוּת אוּן רוּחְנִיּוּת אִינְאֵיינֶעם. עֶס אִיז דָא אַ טָעוּת בַּיי מֶענְטְשְׁן אַז צוּ זַיין אַ צַדִיק, אַ "הִימְל מֶענְטְשׁ", דַארְף מֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפְּשֵׁיידְן פוּן דִי וֶועלְט, זִיךְ אַיינְשְׁפַּארְן אִינְדֶערְהֵיים אוּן נִישְׁט רֶעדְן מִיט קֵיינֶעם. אָבֶער דֶער אֱמֶת זָאגְן חֲזַ"ל (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ד, ז) פַארְוָואס הֵייסְט דִי הִימְל "שָׁמַיִם"? וַוייל עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן אֵשׁ אוּן מַיִם, פוּן פֵייעֶר אוּן פוּן וַואסֶער, פוּן צְוֵויי קֶעגְנְזַייטִיגֶע זַאכְן, וַואסֶער לֶעשְׁט אוֹיס פֵייעֶר, אוּן פֵייעֶר טְרוּקְנְט אוֹיס וַואסֶער, אוּן וֶוען דִי בֵּיידֶע זַאכְן שְׁטֶעלְן זִיךְ צוּזַאם וֶוערְט דָאס אַ הִימְל.

דָאס מֵיינְט אַ "הִימְל מֶענְטְשׁ", פוּן אֵיין זַייט לֶעבְּט עֶר אוֹיף דִי וֶועלְט מִיט זַיין וַוייבּ אִין קִינְדֶער אוּן עֶר הַאנְדְלְט מִיט מֶענְטְשְׁן, אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז עֶר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר דַאוֶוענְט דְרֵיי מָאל אַ טָאג מִיט מִנְיָן, עֶר כַאפְּט אַרַיין יֶעדְן טָאג עֶטְלִיכֶע פְּסוּקִים חוּמָשׁ אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת אַבִּיסְל גְמָרָא אַבִּיסְל שֻׁלְחָן עָרוּךְ. דָאס אִיז אַ רִיכְטִיגֶע הִימְל מֶענְטְשׁ.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק י"ד עֶרֶךְ פֶּסַח שֵׁנִי)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

### אידן זענען זיך מחי' מיט די ברסלב'ע טעלעפאן ליניעס

די טעלעפאן ליניעס פון "קול ברסלב" ווערן טעגליך פארפלייצט מיט צענליגער טויזנטער טעלעפאן-רופן, פון אידישע קינדער וועלכע זענען זיך מחי' מיט די ווארימע דברי חיזוק והתעוררות, און נאך פילע אינטערעסאנטע זאכן.

אויף די "קול ברסלב" ליניע איז דא א ריזיגע אויסוואל פון דרשות און שיעורים און חיזוק, מלא וגדוש מיט די געוואלדיגע לימודים און עצות פון הייליגן רבי'ן, מיט וואס מען קען דורכגיין דאס לעבן מיט א געשמאק ברוחניות ובגשמיות.

ווי אויך קען מען הערן א גרויסע אויסוואל פון הערליכע און הארציגע ניגונים, ביים אפטיילונג פון "היכל נגינה", אריינגערעכנט דער נייער אלבום ספעציעל לימי הספירה, געזינגען געווארן אן קיין מוזיק.

מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף איז דא צוגעשטעלט לאקאלע נומערן פאר פארשידענע היימישע געגנטער איבער די וועלט, איר קענט געפונען די נומערן דא אונטן אויפ'ן גליון.

פאר די פרויען איז דא א באזונדערע האטליין, "קוואל פון חיזוק", מיט גאר אינטערעסאנטע און אינהאלטספולע שיעורים און נאך.

אויף דעם ליניע קען מען הערן יעדן טאג קורצע טעגליכע חיזוק. מען קען הערן גאר אסאך אינטערעסאנטע "מעשיות פון תפלה" פון פרויען וואס זענען געהאלפן געווארן דורכ'ן בעטן דעם אייבערשטן. אויך קען מען הערן פארגעלערנט "שאלות ותשובות" פון מוהרא"ש. ווי אויך פארשידענע גוטע טיפס און רעסיפיס פאר די אידישע שטוב. דאס איז אויסער עטליכע אפטיילונגען פון קורצערע און לענגערע אינהאלטספולע שיעורים, אנגעפולט מיט חיזוק און עצות לויט ווי מוהרא"ש האט אונז געלערנט. די לאקאלע נומערן פון די פרויען ליניע קען מען אויך זען דא אונטן אינעם גליון.

די טעלעפאן ליניעס ווערן אפדעיטעט טעגליך, צו די הנאה פון די פילע צוהערער און אריינרופער וועלכע זענען זיך מחי' דערמיט יעדן טאג.

**שמעו ותחי נפשכם!**


## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **אייזיק אפפעל** הי"ו

צו די שמחת בר מצוה פון זיין זון למזל טוב

הבחור **גדלי'** ני"ו

דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון זיינע קינדער געזונטערהייט, דורות ישרים ומבורכים.

## הבטחת מוהרא"ש

**מוהרא"ש האט צוגעזאגט און מבטיח געווען אז ווער עס וועט ארויסהעלפן דאס דרוקן דעם ספר הקדוש**

# אשר בנחל

**וועט זיכער זען א גרויסע ישועה און געהאלפן ווערן למעלה מדרך הטבע מיט וואס ער דארף.**

יעצט האט איר די געלעגנהייט צו האבן א חלק אין דרוקן "אשר בנחל" און געהאלפן ווערן מיט בני חיי ומזוני, זיווגים הגונים, רפואות וישועות.

**רופט שוין 845-248-1651**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך;**

**דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.**



**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; און נאך < 212-444-9191 /**

845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361

**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**



**הגליון נתנדב לזכות יחזקאל בן רחל פיגא, וזו' הענדיל בת שיינדל, ובנם נחמן נתן**